# אַלע ווערק
פון
# שלום עליכם

*

## באנד XIII

ערשטע בוך
דראמאטישע שריפטן

צווייטע בוך
קאָמעדיעס

OBRAS COMPLETAS DE

# SCHOLEM ALEIJEM

T O M O XIII

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
E D I T O R I A L "I C U F"
BUENOS AIRES, 1957

Queda hecho el depósito que marca la ley.

*Copyright by the*
*Estate of Olga Rabinowitz*
*New York*

# קעניג פּיק

אַ שאַרזש אין איין אַקט לכבוד חנוכה

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

**י ש ר א ל ־ א י ס ר,** אַ נגיד. האַלב ייִד, האַלב אַריסטאָקראַט. אַ „שפּעגעלאַנט" פון דער בערזע.

**ח נ ה,** זײַן ווײַב. מער ייִדענע ווי אַריסטאָקראַטן.

**ב ע ר ט ע,** זייער טעכטערל. אַ בת־יחידקעלע. אַ כלה.

**ג ר י ש אַ,** איר חתן. וויל אַרײַן אין אוניווערזיטעט.

**ג ע ס ט,** מעקלערס פון דער בערזע מיט זייערע ווײַבער. אַלע אַריסטאָקראַטן.

אָ ר ט : יעהופּעץ. צ ײַ ט : הײַנטיקער חנוכה.

נאָ באַלעבאַטישע שטוב. פֿײַנע מעבל. אַ פּאַרטעפּיאַנאָ. בײַ דער זײַט אַ פּאָר טישלעך. אויבנאָן, בײַ דער טיר, אויף אַ שטול בײַ דער וואַנט, אַ זילבערן־פֿאַרגאָלדעט חנוכּה־לעמפּל.]

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (אָנגעבויגן איבערן זילבערן־פֿאַרגאָלדעט חנוכּה־לעמפּל, בענטשט חנוכּה־ליכטלעך, לאָזט אויס מיט אַ ניגון). שע־שו נ־ס־י־ם ל־א־ב־ת־י־נו ב־י־מ־י־ם ה־ה־ם ב־ז־מ־ן ה־ז־ה!... (זאָגט עפּעס שטיל אונטער דער נאָז מיט אַ ניגונדל. לעבן אים שטייען חנה און בערטע. חנה — מיט אַ פֿרום פּנים, בערטע — צונויפֿגעלייגט די הענט, קוקט אין עקסטאַז אָפֿן לעמפּל). ישׂראל־איסר ענדיקט דאָס זאָגן. צו דער טאָכטער). נו? צופֿרידן? אָט האָב איך דיר שוין געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך אויך.

ב ע ר ט ע : מיר האָסטו געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך?

ח נ ה : (ווײַזט מיט דער האַנט אויף זיך). ניין. מיר. מיר.

ב ע ר ט ע : (צו דער מוטער. מיט שטאָלץ און מיט באַגײַסטערונג). נים מיר און ניט דיר, נאָר לכּבֿוד חנוכּה, לכּבֿוד אונדזער נאַציאָנאַל־פֿעסט, לכּבֿוד אונדזערע העלדן, די מאַקאַבייער, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר אונדזער...

י ש ר א ל ־ א י ס ר : יאָ, יאָ. גערעכט, גערעכט. לכּבֿוד חנוכּה, לכּבֿוד פֿעסט, לכּבֿוד מאַקאַבייער... (הערט זיך צו. צו חנהן). דאַכט זיך, געקלונגען? (וויל אויסטאָן דאָס היטל. חנה לאָזט זיך גיין).

ב ע ר ט ע : (האַלב געבעטן, האַלב געהייסן). פּאַפּאַ! הײַנט וועסטו גיין מיטן היטל.

י ש ר א ל ־ א י ס ר : וואָס הייסט? עס איז דאָך שוין נאָך אַלעמען, קינדעניו... און אויסער דעם, אַט קומען געסט...

ב ע ר ט ע : די געסט מעגן אויך איין מאָל, צוליב חנוכּה, זיצן אין די היטלען. כאָטש ביז די חנוכּה־ליכטלעך וועלן אויסגיין. נישקשה. עס וועט זיי חלילה גאָרניט שאַטן. (חנה קומט צוריק מיט די געסט. אַלע אָנגעטאָן יום־טובדיק. די דאַמען אין בריליאַנטן מיט רידיקולס אין די הענט. די מאַנצבילן, דערזעען די אָנגעצונדענע ליכטלעך און דעם באַלעבאָס אין היטל, בלײַבן שטיין. ווייסן ניט, צי זאָלן זיי אויסטאָן די היטלען, צי ניין).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : מילאָסטי פּראָסים! פּאַזשאַלויטיע! (קוקט אויף דער טאָכטער, פֿאַרכאַפּט זיך). ברוכים הבאים! ווילקאָמען! זיצט, זעצט אײַך. (ווײַזט אויפֿן חנוכּה־לעמפּל). ווידיטיע, חנוכּה. צוליב גנעטאַ;



דער טאָכטער. איר געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך. אַ וועלט געוואָרן. (לאַכט).

ב ע ר ט ע : פּאַפּאַ! ניט מיר האָסטו געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך, נאָר צום אָנדענקען פֿון...

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (פֿאַרכאַפּט זיך). יאָ, יאָ. ניט דיר, ניט דיר, נאָר לכּבֿוד חנוכּה, לכּבֿוד פֿעסט, לכּבֿוד מאַקאַבייער... (צו די געסט). זיצט. וואָס־זשע מאַכט איר? וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט? וואָס הערט זיך אויף דער בערזע? וואָס איז מיט די קורסן? עפּעס נײַע „שפּעקולאַציעס”?

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : וואָס זאָל זיך הערן? ניטשעוואָ אָסאָבענאַוואָ. אויף דער בערזע ניט פֿאָרגעקומען קיין פֿערעמענע. די קורסן זײַנען פֿעסט. איר קאָנט זײַן ספּאָקאָינע... (צו בערטען). זדראַסטי, בערטעטשקאַ!

ב ע ר ט ע : ערשטנס, ניט בערטעטשקאַ.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : טאַ יעסט, ווינאָוואַט. בערטאַ איזראַאיליעוונאַ...

ב ע ר ט ע : און ניט בערטאַ איזראַאיליעוונאַ, נאָר בתיה. פּשוט בתיה בת־ישׂראל. ניטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט אַן אייגענעם נאָמען.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : אַ וואָוטאָריך?

ב ע ר ט ע : און צווייטנס, וואָס פֿאַר אַ „וואָוטאָריך” אויף אײַך און וואָס פֿאַר אַ „זדראַסטי” הײַנט?... גוט יום־טובֿ איז דען ניט שענער?

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : אַ גוט יום־טובֿ גאָר?

י ש ר א ל ־ א י ס ר : פֿאַרגעסן? חנוכּה. (ווײַזט אויפֿן חנוכּה־לעמפּל).

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : (רעדט לאַנגזאַם, מיט אַ גראָב קול). כאָוועשענאַ וויערנאָ. צוליב דעם האָט מען דאָך אונדז טאַקע פֿאַרבעטן.

ב ע ר ט ע : אײַנגעלאַדן — ווילט איר זאָגן.

פ ע ר ט ע ר ג א ס ט : אײַנגעלאַדן נאַ בליני.

ב ע ר ט ע : אויף לאַטקעס — ווילט איר זאָגן.

פ י נ פ ט ע ר ג א ס ט : קאָניעטשנאָ, לאַטקעס. ס׳איסאַראַטשקאַי.

ב ע ר ט ע : מיט שמאַלץ — ווילט איר זאָגן.

ח נ ה : (וויל פֿאַרגלעטן, יוצא זײַן לכל הדעות). ס׳איז דאָ שמאַלץ, ס׳איז דאָ איקרע, ס׳איז דאָ גריוון. ס׳וועט זײַן אַלצדינג, אם ירצה השם, אַלצדינג. (ווענדעט זיך צו די דאַמען, רעדט מיט זיי שטילערהייט. יענע שמייכלען, פּינקלען מיט די בריליאַנטן, שפּילן זיך מיט די רידיקולס, מאַכן צורעכט די טואַלעטן. עס פֿילט זיך אַ סומנעקייט אין דער געזעלשאַפֿט).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (וויל מאַכן אַ ביסל פֿריילעכער דעם עולם, טוט אַ רוף דאָס ווײַב). חנה! (ווײַזט מיט די אויגן אויף די גרינע טישלעך).

ב ע ר ט ע : (מיט דער האנט איבערן פאטערס מויל). פאפא! נאר ניט דאס... (בלאזט זיך אן, ווי א קליין געבאלעוועט קינד).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (שמייכלענדיק). וואס „דאס"?

ב ע ר ט ע : (לאכט). דו ווייסט שוין וואס!... (קוקט אף דער מוטער. די מוטער ווינקט צום פאטער. דער פאטער קוקט זיך איבער מיט די געסט. עס הערשט אן אומאנגענעמע שטילקייט).

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : (וויל באריזן די שטילקייט). לאטקעס מיט שמאלץ און מיט גריוון — אך, קאקאיא בלאזשענסטווא!

ב ע ר ט ע : „קאקאיא בלאזשענסטווא"? (לאכט). האט מיר קיין פאראיבל ניט, וואס איך וועל אייך פרעגן: למאי זאלט איר זיך באנוצן דווקא ניט מיט אייער אייגן לשון? מיר דאכט, אז ס'איז פיל גלייכער ריידן ר ע כ ט יידיש, איידער ש ל ע כ ט רוסיש... (דער ערשטער גאסט בלייבט אן לשון. דער צווייטער גאסט שטעלט זיך איין פאר אים).

צ ווי י ט ע ר ג א ס ט : יאק ריידעלע טא ריידעלע, אבי דאברע מיינעלע. (באלעקט זיך). לאטקעס מיט שמאלץ און מיט גריוון — שוין לאנג ניט געגעסן. איך האלט דעריבער פון דעם יום־טוב, וואס מע קאן עסן לאטקעס...

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאווערשעננא וויערנא. און דערצו נאך מאכן א קערטל... (קוקט אהין, ווו די גרינע טישלעך שטייען).

ב ע ר ט ע : (שפאטיש). מער האט דער יום־טוב פאר אייך קיין שום אנדער ווערט? קיין שום אנדענקען?

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (זיצט ווי אף הייסע קוילן. דערהערט א קלונג, צום ווייב). דאכט זיך, מע קלינגט?

ח נ ה : דאס דארף זיין גרישא.

ב ע ר ט ע : „הערש" לוינט דיר ניט?

ח נ ה : מיין איך — „הערש". (לאזט זיך צו דער טיר).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (צו די געסט שמייכלענדיק). הײַנטיקע קינדער! האבן זיך א נעם געטאן צוריק...

ב ע ר ט ע : (שלאגט אים איבער). וואס עפעס צוריק, פאפא? פארווערטס, ניט צוריק.

י ש ר א ל ־ א י ס ר : יא, נו, איך מיין טאקע אזוי... צוריק צו יידישקייט מיין איך. צום... צום יידישן גאט...

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : (לאכט). כא־כא!

צ ווי י ט ע ר ג א ס ט : געווארן א גרויסע רעאקציע.

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאווערשעננא וויערנא. א פאלנע רעאקציע.

ב ע ר ט ע : (אויסער זיך). כא־כא־כא! בא אייך הייסט עס רעאקציע?!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (כאפט זיך אויף, ווייס ניט, וואס ער זאל טאן, איז זיך מחיה, וואס חנה קומט אן מיט גרישאן).



ג ר י ש א : (אנגעטאן כמעט ווי א סטודענט, אין א סוזשורקע מיט א האלב־סטודענטיש היטל. וויל אויסטאן דאס היטל. דערזעט דאס חנוכה־לעמפל און אלעמען אין די היטלען, פארכאפט ער זיך). זדראוו... (באגעגנט זיך מיט בערטעס אויגן). טא יעסט, א גוט יום־טוב! (צו בערטען אף העברעיש, מיטן ספרדישן אקצענט). מעאד עסמאך ליראט בעבעט אוויכא האניכבאדא האזאט...

ב ע ר ט ע : (פאריכט אים די גרייזן). בעבעט אוויך האניכבאד האזע.

ג ר י ש א : ווינאוואט... (פארכאפט זיך). טא יעסט, סליכא... מעאד עסמאך ליראט בעבעט אוויך האניכבאד האזע עם האהיסטאדרוט האניכבאד האזע!

ב ע ר ט ע : (פאריכט אים). האהיסטאדרוט האניכבאדא האזאט...

ג ר י ש א : ווינא... (פארכאפט זיך). טא יעסט, סליכא! האהיסטאדרוט האניכבאדא האזאט, שעהיטאסעף באבאיט האניכבאד האזאט...

ב ע ר ט ע : (פאריכט אים). האזע.

ג ר י ש א : קען, האזע... אים ריגשיי קאוואד אוטכיא וועהיטלאהאווט לעאומי גאדאל אל יעסאד האכאג האלעאומי האגאדאל וועאל יעסאד טארבוטיינו אוספאטיינו האלעאומי האגאדאל...

ב ע ר ט ע : (פאריכט אים). אוספאטיינו האלעאומיט האגדאלא...

ג ר י ש א : (שוויצט). ווינאוואט!... (אין דער צייט, ווען חתן־כלה ריידן העברעיש און ציען זיך אוועק אלעמאל אף א זייט, קוועלן די געסט, ריידן זיך איבער צווישן זיך).

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : קאקאיא בלאזשענסטווא!

צ ווי י ט ע ר ג א ס ט : פרעלעסטני יאזיק... פאכאזש נא איטאליאנסקי...

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאווערשעננא וויערנא. נא איספאנסקי...

פ ע ר ט ע ר ג א ס ט : נא איספאנסקי...

פ י נ פ ט ע ר ג א ס ט : איספאנסקי, איספאנסקי...

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (ברייטער ווי לענגער). דאס האבן מיר צו פארדאנקען דער נייער טאווארישטשעסטווע, מיין איך—אבשטשעסטווע.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : קאקיא אבשטשעסטווא?

י ש ר א ל ־ א י ס ר : אט די וואס רופן זיך „סטאדרום"...

צ ווי י ט ע ר ג א ס ט : קאק? קאק?

י ש ר א ל ־ א י ס ר : „סטאדרום".

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאווערשעננא וויערנא, „סטאדרום".

ב ע ר ט ע : (צום פאטער פון דער זייטן). פאפא! ניט „סטאדרום", נאר „הסתדרות".

י ש ר א ל ־ א י ס ר : נו יא, „איסטאדרום".

ב ע ר ט ע : ניט איסטאדרום, נאר „הסתדרות", מיט א ה"א!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : זאג איך דאך! וויאזוי דען זאג איך?

(גרישא און בערטע זיצן איינס אקעגן דאס אנדערע, גרישא מיטן פּנים צו די געסט, בערטע מיטן פּנים צו גרישאן, ריידן שוין שטילערהייט. גרישא זשעסטיקולירט מיט די הענט. ישראל־איסר באַווײַזט זיך דערמיט, וואָס די טאָכטער זיצט אַהין מיטן פּנים, טוט ער אַ ווונק צו חנהן. חנה פאַרשטייט אים. שטיל ווערן צוגערוקט די גרינע טישלעך. עס וואַקסן אויס צוויי נײַע פעשלעך קאַרטן, קרײַדלעך, בערשטלעך. איינציקווייז, כלומרשט אָן אַ שום כוונה, זעצן זיך אויס די געסט, די מאַנצבילן מיט זייערע דאַמען, אַרום די גרינע טישלעך. אַלע אויגן זײַנען געווענדעט צו די צוויי **פעשלעך קאַרטן**. דער באַלעבאָס נעמט איין פּעשל. דער ערשטער גאַסט נעמט **זיך צום** צווייטן פּעשל. די קאַרטן ווערן אויפגעריסן מיט אַ קנאַק פון זייערע העמדלעך. די דאַמען נעמען זיך מיט אַ זיפּצן צו זייערע רידיקולס. די אויגן באַ זיי ברענען. חנה גייט אַפּ אין קיך).

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : (צום באַלעבאָס). וואָס־זשע, הייסט עס, זויל זי, די דאָזיקע נײַע אַבשטשעסטווע, וואָס איר זאָגט? (צו די איבעריקע געסט). גאָספּאַדאַ! אין וואָס פאַר אַ שפּיל שפּילן מיר הײַנט דליאַ ראַדי חנוכּה?

י ש ר א ל ־ א י ס ר : די אַבשטשעסטווע וויל, ערשטנס, אַז אַלע „שפּעגעלאַנטן", אַלע ייִדן מיין איך, זאָלן ריידן פאַ דרעווניע־יעווריעסקי. (פאַרקוקט די געסט אין די אויגן אַרײַן). מאַכן מיר אַ פּרעפערענס? ציִ אפשר גאָר אַ זעקס־און־זעכציק?

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : אַלע, זאָגט איר, זאָלן ריידן פאַ דרעווניע־יעווריעסקי? אַהאַ!... פאַ מאַיעמו, וואָלטן מיר בעסער שפּילן אַן אַבשטשע שפּיל. (קוקט אַף די דאַמען).

ד א מ ע ן : (אַלע אײנאייינעם). אַן אַבשטשע שפּיל.

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאָווערשעננאַ וויערנאַ. אַן אַבשטשע שפּיל.

פ ע ר ט ע ר ג א ס ט : נאַפּרימיער, אַ סטוקלקע? אַ באַנטשאַק?

פ י נ פ ט ע ר ג א ס ט : פּאַטשעמו ניט אַ טערטל־מערטל? (קוקט אַף די דאַמען).

ד א מ ע ן : (אויפגעלעבט, אַלע אײנאייינעם). אַ טערטל־מערטל! אַ טערטל־מערטל!

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : (רײַבט אַ האַנט אָן אַ האַנט). אַ טערטל־מערטל? קאַקאיאַ בלאַזשענסטווע!

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : שוין לאַנג ניט געשפּילט אין טערטל־מערטל.

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : (קוקט אַף די דאַמען). סאָווערשעננאַ וויערנאַ. ערשט נעכטן אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט אין טערטל־מערטל.

ד א מ ע ן : כאַ־כאַ־כאַ! ביז טאָג געשפּילט אין טערטל־מערטל!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : אַלזאָ, גאָספּאַדאַ, בלײַבט עס אַ טערטל־מערטל?... (נעמט זיך צו די קאַרטן). מײַן טאָכטער זאָגט, אַז אין אויס־



לאַנד ריידן שוין איצט אַלע „שפּעגעלאַנטן", מיין איך אַלע ייִדן, פאַ דרעווניע־יעווריעסקי. מע האָט צוליב דעם צוניפגעקליבן געלט, אַ מאַסע געלט, אַ האַלבן מיליאָן, זאָגט זי. אונדזער ליעוו איזראַיִליעוויטש האָט אויך געשענקט צען טויזנט.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : ליעוו איזראַיִליעוויטש צען טויזנט? קאַקאיאַ בלאַזשענסטווע! גאָספּאַדאַ, ווער האַלט די באַנק?

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : צען טויזנט אַף דרעווניע־יעווריעסקי, ווי פּאַנימאַיעטיע? לאָז מען וואַרפן קאַרטן. ווער ס'וועט האָבן די „טויז", דער וועט האַלטן די באַנק. (צום באַלעבאָס). פּאַזשאַלויסטאַ!

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (נעמט אויסוואַרפן קאַרטן). דאָס איז גערעדט אַף יענער סאַבראַניע, וואָס אַט דער ביאַליק האָט געהאַלטן אַ „שפּעגעלאַציע"; מיין איך אַ ריעטש פאַ דרעווניע־יעווריעסקי. איז דאָס ליעוו איזראַיִליעוויטשן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער איז אַרויס מיט צען טויזנט.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט : (קוקט אַרײַן אין די קאַרטן). קאַקאיאַ בלאַזשענסטווע!... וואָסער ביאַליק? דער ליעסאַפּראָמישלענניק?

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט : (קוקט אין די קאַרטן). כאַ־כאַ־כאַ! קאַקאי ליעסאַפּראָמישלענניק? דער ביאַליק איז ניט קיין ליעסאַפּראָמישלענניק, נאָר אַ פּאָעט.

ד ר י ט ע ר ג א ס ט : סאָווערשעננאַ וויערנאַ. אַ ליעסאַפּראָמישלענניק... מיין איך אַ פּאָעט.

פ ע ר ט ע ר ג א ס ט : (קוקט אין די קאַרטן). אַ? אַ פּאָעט? זנאַטשיט, פּרוג...

פ י נ פ ט ע ר ג א ס ט : קאַניעטשנאַ, פּרוג... אַ! אונדזער באַלעבאָס האָט געכאַפּט דאָס טײַזל, איז ער דער באַנקיר. (צום באַלעבאָס). פּאָזדראַוולִיאַיו!

ד א מ ע ן : פּאָזדראַוולִיאַיעם! פּאָזדראַוולִיאַיעם! (צווישן עולם ווערט אַ באַוועגונג. די מאַנצבילן רוקן צו די שטולן. די דאַמען ציִען אַרויס מיט אַ זיפּצן פון די רידיקולס דאָס ביסל קליינגעלט. די אויגן באַ זיי ברענען).

י ש ר א ל ־ א י ס ר : (נעמט זיך כלומרשט אָן אַ באַזונדערן חשק צו דער באַנק). בין איך, הייסט עס, דער באַנקיר? מילאַ. וועלן מיר שפּעגעלירן. (טיילט אויס קאַרטן. נעמט צונויף געלט. צו יעדן). וויפל קאַרטן? ווי טײַער? (ווינקט צו גרישאן פון דער ווײַטן).

ג ר י ש א : (זיצט די גאַנצע צײַט ווי אַף נאָדלען, קוקט מיט ושעדנע אויגן צו די גרינע טישלעך. באַווײַזט דעם מחותן פון דער ווײַטן צוויי פינגער, אַז ער פאַרלאַנגט, הייסט עס, אויך צוויי קאַרטן. רעדט אַרויס מיט דער הברה הספרדית). שנאַיִם... שטאַיִם... (באַטאָנט דעם „אים).

ב ע ר ט ע : (וואָס זיצט נאָך אַלץ מיט די פּלייצעס צו דער

קאמפאניע און מיטן פנים צום חתן, זעט ניט וואס הינטן טוט זיך. פארוונדערט צום חתן). וואס שנים? וואס שתים? (דרייט אויס דעם קאפ צוריק, דערזעט די גרינע טישלעך מיט די קארטן, טוט זי א פלעסק מיט די הענט). פאפא! (לויפט צו צום פאטער, וויל בא אים אוועקנעמען די קארטן).

ישראל־איסר: בערטעטשקא! בתיהניו! גאט איז מיט דיר! האסט פארגעסן, אז היינט איז חנוכה? א פעסט... א מאקאבייער... היינט איז א מצווה צו „שפענגלירן", מיין איך — צו שפילן אין קארטן. די גאנצע וועלט, די פרומסטע יידן, שפילן חנוכה אין קארטן. (צו די געסט). גאספאדא, וואס? ניט אזוי?

די געסט: (אלע אין איין קול מיט די דאמען). סאווערשעננא וויערנא, סאווערשעננא וויערנא.

ישראל־איסר: פרעג אפילו דעם חתן דיינעם. (צו גרישאן). גרישא! מיין איך — הערש! וואס שווייגסטו?

גרישא: (צו בערטען, אף העברעיש. מאכט מיט די הענט). אוואל לעסאבעק קארטיסים בעכאנוקא קוואר גיטקאבעל אייצעל קאל באים לעאומיס טארבוטיס!

בערטע: (פאריכט אים די גרייזן). באים לעאומי טארבוטי...

גרישא: (שוויצט). ווינאוואט... טא יעסט, סליכא! באים לעאומי טארבוטי... זע האלא אגודא היסטארי!...

בערטע: (פאריכט אים). אגודא היסטאריט...

גרישא: סליכא!

ישראל־איסר: (לייגט אויס דערווייל די קארטן א קלאס נאך א קלאס. צו די געסט). א וועלט געווארן! איר האט זיך עס געריכט אמאל? דער טאטע „שפענגלירט" אין קארטן, און די טאכטער רעדט פא דרעווניע־יעווריעסקי...

ערשטער גאסט: (קוקנדיק אין די קארטן, וואס דער באלעבאס לייגט אויס אפן טיש א קלאס נאך א קלאס). דרעווניע־יעווריעסקי — קאקאיא בלאזשענסטווא! קיינער האט נאך ניט אויסגענומען צווייטע קלאס?

צווייטער גאסט: (קוקט מיט פלאמענדיקע אויגן אין די קארטן). טשודני יאזיק! דריטע קלאס האט אויך קיינער ניט גענומען. פאכאזש נא איטאליאנסקי.

דריטער גאסט: סאווערשעננא וויערנא. נא איספאנסקי...

פערטער גאסט: דריטע קלאס האט אויך קיינער ניט געשלאגן... אטשען פאכאזש נא איספאנסקי...

פינפטער גאסט: איספאנסקי.. איספאנסקי... אפשר וועט די פערטע קלאס עפעס נעמען?

ישראל־איסר: (פריילעך, וואס קיינער האט ניט גענומען). איצטיקס מאל איז מיר די „שפענגלאציע" מיט דער באנק אפגעלאפן,



דאנקען גאט, אודאטשנא. אצינד וועלן מיר נאך זען, וואס וועט זיין מיט דער פינפטער קלאס? דער „דעוויאטי וואל" זאל מיר אפלויפן, ווי די ערשטע פיר קלאסן, און קיינער זאל ניט שלאגן — עהע־הע! (ווארפט ארויס די לעצטע קארט. אלע אויגן קוקן זשעדנע צו זיך אין די קארטן די דאמען זיפצן). גאספאדא! קעניג פיק! ווער האט קעניג פיק! קיינער האט ניט קעניג פיק? קיינער האט מיך ניט געשלאגן? (וויל געבן א נעמצוזוויף די קארטן).

גרישא: (צום מחותן). פא־פאזוואלטיע! קעניג פיק — זאגט איר? (ווארפט אוועק די כלה, לויפט צו צום טיש, דעקט אויף זיינע צוויי קארטן). אט איז ער, דער קעניג פיק! איך האב אייך געשלאגן! פאזשאלגיטיע באנק! (נעמט איבער די באנק).

בערטע: (א פלעסק מיט די הענט). אך! (פאלט דעם פאטער אף די הענט, פארווארפט דעם קאפ). פאפא! ער איז ניט מיין חתן מער!

ישראל־איסר: גאט איז מיט דיר! קינדעניו, וואס רעדסטו? (צום חתן). גרישא! הערש! וואס שטייסטו?

גרישא: בערטוסיא! בתיהניו! (בערטע טרייבט אים אפ מיטביידע הענט. ער פאלט איר צו די פיס).

חנה: (קומט פון קיך, דערזעט בערטען באם פאטער אף די הענט און דעם חתן אף די קני). וואס איז? וואס איז דא געשען?

ישראל־איסר: גארניט, גארניט. גאלע גארניט. ער, גרישא, מיין איך הערש, האט מיך געשלאגן...

חנה: (קוקט מיט שרעק אף אירע אייגענע און אף די געסט. פארברעכט די הענט). א דונער איז מיר! ווער? גרישא? הערש האט אים געשלאגן? געשלאגן?!...

ישראל־איסר: (אין כעס, צו חנהן). פארשטייסט ניט קיין שפענגלאציע! ניט מיך, די באנק האט ער געשלאגן. פארשטאנען? און ניט ער, נאר דער קעניג פיק האט מיך געשלאגן. דער קעניג פיק! קעניג פיק! קעניג פיק!

פארהאנג.

## העברעיִשע און רוסישע פראַזן, וואָס טרעפן זיך אין „קעניג פּיק"

### ה ע ב ר ע יִ ש :

אַוואַל לעסאַכעק קאַרטיסים בעכאַנוקאַ קוואַר ניטקאַבעל אייצעל קאָל באַאיס לעאומי טאַרבוטי (אבל לשחק (ב)כרטיסים בחנוכה כבר נתקבל אצל כל בית לאומי תרבותי) — אָבער צו שפּילן אין קאַרטן אום חנוכה איז שוין אָנגענומען אין יעדן נאַציאָנאַלן קולטורעלן הויז.

זע האַלאָ אווודאַ היסטאָריט (זה הלא עובדה היסטורית) — דאָס איז דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט.

מעאָד עסמאַך ליראָט בעבעט אַוויד האַניכבאַד האַזע עם האַהיסטאַדרוט האַניכבּאַדאַ האַזאָט, בעהיטאַסעף באַבאַאיט האַניכבּאַד האַזע אים רינשיי קאַוואָד אוטכיאַ וועהיטלאַהוואַוט לעאומי גדאַל אַל יעסאָד האַכאַג האַלעאומי האַגאַדאַל וועאַל יעסאָד טאַרבוטיינו אוספאַטיינו האַלעאומיט האַגדאָלאַ (מאד אשמח לראות בבית אביך הנכבד הזה עם רגשי (ברגשי) כבוד ותחיה והתלהבות לאומי(ת) גדול(ה) על יסוד החג הלאומי הגדול ועל יסוד תרבותנו ושפתנו הלאומית הגדולה) — עס פרייט מיך זייער צו זען בײַ דײַן געערטן פאָטער אין הויז די דאָזיקע געערטע אָרגאַניזאַציע (געזעלשאַפט), וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם דאָזיקן הויז מיט געפיל פון אָפּגונג און אויפלעבונג און גרויסער נאַציאָנאַלער באַגײַסטערונג, אויפן גרונט פונעם גרויסן נאַציאָנאַלן יום־טוב און אויפן גרונט פון אונדזער קולטור און אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

סליכאַ (סליחה) — אַנטשולדיקט.

קען (כן) — יאָ.

### ר ו ס י ש :

אַבשטשע — אַלגעמיינע. אוראַטשנאַ — געלונגען. אַטשען — זייער. איספּאַנסקי — שפּאַניש.

דליאַ ראַדי — צוליב. „דעווײַאַטי וואַל" — נײַנטע כוואַליע (אין קאַרטנשפּיל).

דרעווניע־יעווריסקי — העברעיִש.

וואָפּערוויד — ערשטנס. וואָוטאָריך — צווייטנס. ווידיטיע — זעט איר. ווינאָוואַט — אַנטשולדיקט. ווי פּאָנימאַיעטיע — איר פאַרשטייט.

זדראַסטי (זדראַוסטוויטיע) — גוט מאָרגן, גוטן אָוונט. זנאַטשיט—הייסט עס.

טאַוואַרישטשעסטוואַ (אָבשטשעסטוואַ) — געזעלשאַפט. טאָ יעסט — דאָס הייסט.

משודני יאַזיק — אַ וווּנדערלעכע שפּראַך.



ליעסאָפּראָמישלעניק — אַ וואַלדסוחר.

מילאָסטי פּראָסים — זייער אײַנגעלײַגטע געסט.

נאַפּרימער — למשל. ניטשעוואָ אָסאָבעננאָוואָ — קיין באַזונדערס.

סאָבראַניע, זאַסעדאַניע — פאַרזאַמלונג. סאָווערשעננאָ ווערנאָ — גאַנץ ריכטיק. סטוקאָלקע — אַ רוסיש קאַרטנשפּיל. ספּאָקאָינע — רויק.

פּאָ מאַיעמו — נאָך מײַן מיינונג. פּאָזדראַוולאַיו — מזל טוב. פּאָזוואָלטיע — זײַט־זשע מוחל. פּאָזשאַלויסטאַ — ביטע. פּערעמענע — פאַרענדערונג. פּרעלעסטני יאַזיק, פּאָבאָזש נאָ איטאַליאַנסקי — אַ פּראַכטפולע שפּראַך, ענלעך אויף איטאַליעניש.

קאָניעטשנאָ — געוויס. קאַק? — ווי? קאַקאַיאַ בלאַזשענסטוואַ (פאַרגרײַזט פון „קאַקאָיע בלאַזשענסטוואַ") — ס'אַ מחיה!

ריעטש — רעדע.

געשריבן אין יאָר 1910.